

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

**כיתה א׳** (כ)
הר״ר אהרן ווייסהויז הי״ו

# שאלות אויף פרשת ויחי

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** ויחי.

**ב. וואס איז טייטש ויחי ?** און ער האט געלעבט.

**ג. ווער ?** יעקב אבינו.

**ד. וויפיל יאר האט ער געלעבט אין מצרים ?** 17 יאר.

**ה. וואס האט יעקב אבינו געבעטן פון יוסף ?** אז ער זאל איהם באערדיגן אין ארץ ישראל אין מערת המכפלה.

**ו. און וואס האט ער איהם געזאגט ?** אז ער זאל נישט זיין ברוגז אויף איהם פארוואס זיין מאמע רחל האט מען נישט געלייגט אין ארץ ישראל אין מערת המכפלה.

**ז. פארוואס האט יעקב אבינו טאקע נישט געלייגט זיין מאמע רחל אין ארץ ישראל ?** ווייל דער אייבישטער האט אזוי געהייסן ווייל ווען די אידן וועלן גיין אין גלות וועלן זיי גיין דאווענען און וויינען ביי די מאמע רחל׳ס קבר.

**ח. וואס האט אפרים דערציילט פאר זיין טאטע ?** אז יעקב אבינו איז קראנק.

**ט. וואס האט יוסף געמאכט ?** ער איז אים געגאנגען באזוכן (מבקר חולה זיין)

**י. מיט וועמען איז ער געגאנגען ?** מיט זיינע צוויי קינדער.

**יא. וועגן וואס האט ער זיי מיט גענומען ?** ווייל ער האט געוואלט אז זיין טאטע יעקב אבינו זאל זיי בענטשן.

**יב. וועמען האט יוסף געלייגט ביי די רעכטע זייט פון יעקב ?** מנשה דער גרויסער.

**יג. און וועמען האט יוסף געלייגט ביי די לינקע זייט ?** אפרים דער קלענערער.

**יד. וואס האט יעקב געמאכט ?** ער האט אריבער געלייגט די הענט אז אויף אפרים זאל זיין די רעכטע האנט און אויף מנשה די לינקע האנט (מיר האבן געוויזן מיט די הענט וויאזוי).



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

**כיתה א׳** (כ)
הר״ר אהרן ווייסהויז הי״ו

# המשך שאלות אויף פ׳ ויחי

| | |
|---|---|
| **טו. וואס האט יעקב אבינו זיי געבענטשט ?** | המלאך הגואל אותי וכו׳. |
| **טז. וואס האט יעקב געמאכט נאכדעם ?** | ער האט גערופן זיינע קינדער און ער האט זיי געבענטשט. |
| **יז. וואס איז געשעהן נאכדעם מיט יעקב אבינו ?** | ער איז נפטר געווארן. |
| **יח. וואס האט מען איהם געמאכט ?** | אַ גרויסע לויה. |
| **יט. און ווי האט מען איהם געטראגן ?** | קיין ארץ ישראל. |

**כ. שפעטער ווען יוסף איז נפטר געווארן האט מען איהם אויך געטראגן קיין ארץ ישראל ?** ניין.

| | |
|---|---|
| **כא. נאר ווען האט מען איהם געטראגן קיין ארץ ישראל ?** | ווען מ׳איז ארויס פון מצרים. |

**כב. וואס זאגט מען די וואך אין שוהל ווען מען ענדיגט צו ליינען אין די הייליגע תורה ?** חזק חזק ונתחזק, מען זאל זיך שטארקן אין לערנען די הייליגע תורה.

| | |
|---|---|
| **כג. פארוואס זאגט מען דאס ?** | ווייל מ׳האט געענדיגט חומש בראשית. |

- **בנוסף לשאלות הנ״ל סיפרנו השבוע:** שיעקב אבינו חי לעת זקנתו בארץ מצרים בארץ גושן, ויעקב אבינו היה חולה ורצה לברך את ילדיו ונכדיו לפני מותו וקרא לבנו ליוסף שיבוא אליו ויוסף הלך עם שני בניו והעמיד את בניו לפני אביו מנשה בצד ימין ואפרים בצד שמאל ויעקב שיכל (הפך) את ידיו ובירך אותם בברכת המלאך הגואל וכו׳, ואח״כ בירך יעקב את כל בניו לפני מותו. יעקב אבינו ביקש מיוסף שיקבור אותו במערת המכפלה ליד אביו וזקינו, ואחר שנפטר יעקב אבינו לא נתן עשו לקבור את יעקב במערת המכפלה ובא חושים בן דן ונתן לו מכה על ראשו ונפל ראשו של עשו ואח״כ חזרו בני ישראל לארץ מצרים.

- כן סיפרנו על סיום ספר בראשית, בשבת זו פרשת ויחי מסיימים ספר בראשית ובשעת הסיום בקריאת התורה אומרים כולם בקול חזק ונתחזק ומבקשים מאת ה׳ שיתן לנו כח ורצון להמשיך וללמוד תורה.

**מיר בעטן בכל לשון של בקשה**
**פאר די וואס האבן נאכנישט געברענגט**
**זאל ברענגען 80 ₪**
פאר די הוצאות פון די ווינטער זמן

*בברכת אַ גוט שבת*
*און פיל נחת פון די קינדער*
*המלמד*

***ניגון*** *: המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק וידגו לרוב בקרב הארץ ...*